# קורצער פרייטאג און שבת הגדול



**קורצער פרייטאג**: פאניע שבת הגדול, וואס פאר אנ'איינדרוק האט אויף אייך געמאכט דער ז'יוסטאגריגער פראטעסט טאג ?
**שבת הגדול**: ס'איז מיר געווען א מיטלייד.
**קורצער פרייטאג**: מיט די יודען ?
**שבת הגדול**: מיט די סעקוועסטראטארען, ביז 2 נאכמיטאג האבען זיי זיך נעבעך ארומגעדרעהט מיט די טעקעס אהן א שטאך ארבייט.

## א גרוס פון ארץ ישראל.

א בעקאנטער תוגער כוסה־בחור איז די טעג צוריקגעקומען פון ארץ ישראל פרעגט מען איהם:
— נו, פאניע שאשמייסטער, וואס זאגט איהר צו ארץ ישראל ?
— אויסערגעוועהנליך, די ארבייט געהט דארט מיט אנ'אויסערגעוועהנליכער טעמפא. איך האב אליין געזעהן ווי אין דער פריה האט מען געלעגט דעם פונדאמענט פון א ברויעריי, און מיטאג־שעה איז שוין פון דארט ארויסגעגאנגען דער ערשטער שיכור.

## לאדזעריש.

— נו פאניע שטרייכגארן, ווי געהען ביי אייך די געשעפטען ?
— זעהר גוט.
— טא פארוואס האט איהר געלאזט א 100טער וועקסעלע צו פראטעסט ?
— ווייל איך בין געווען אזוי פערנומען מיט מיינע געשעפטען אז כ'האב פשוט נישט געהאט קיין צייט צו לויפען אין גאס אריין כאפען א הלוואה אויף אויסצוקויפען דעם וועקסעל.

## אין דער „אבעזפיעטשאלניע"

דאקטאר: וואס פעהלט אייך ?
חולה: אוי דער קאפ, פאניע דאקטאזשע, דער קאפ טוט מיר אזוי וויי.
דאקטאר: דאס איז גארנישט, ס'איז פון נערוועז
חולה: פאניע דאקטאזשע, ס'איז פון א „וויים שטעקעלע".

## יודען אין פוילען

— זאג מיר פארוואס טאר א יוד נישט זיין קיין סטרוזש אין פוילען ?
— ווייל א יוד טאר נישט „פערקעהרען" אין דער בעסערער געזעלשאפט.
— און פארוואס טארען יודען נישט זיין קיין קאמינקעהרער ?
— כדי זיי זאלען נישט קענען שרייען אז זיי ווערען „פער־שווארצט".

# דער לעבעדיגער מת

כ'בין געשטארבען ! אויף מיין קערפער האט דער בעריהמטער פראפעסאר ג. זיין וואונדערליכער איינשפריצונג געמאכט, און אט בין איך צווישען די לעבעדיגע.

איך אייל איצט צו דערפרעהען די, וואס טרויערען נאך מיין טויט.

— — — — — — —

מיין ווייב האט מיר געמאכט א פארוואורף, „נאי איך בין לעבעדיג געווארען. זי האט זיך בעקויפט אין אדערבערג'ס שוך־געשעפט א פאר עלעגאנטע ש... לעטשלעך מיט וועלכע זי האט געוואלט ... די חבר'טעס ?..

מיין שותף פישעל וועמען עס איז אזוי שווער געווען איבערצוטראגען מיין טויט האט שיער די אפאפלעקסיע געקריגען, דערזעהענדיג מיך אוי „צוליב ירושה־ענינים" האט ער מיך ארויסגעווארפען פון שטוב, בעגלייטענדיג מיר מיט אויסגעשרייען, ווי: שווינדלער, פאדליעץ א. א. וו.

חבר באנקראטמאן, וועלכער איז מיר שולדיג געווען 2000 זלאטעס, האט מיך אויסגעזידעלט פון באנדיט ביז גנב.

דער בעל־עגלה האט מיר געמאכט א סקאנדאל און געפאדערט, אז כ'זאל זיך לאזען איבערפיהרען אויפ'ן בית־עולם און דערנאך בעצאהלען פאר א „קורס".

א פארלעגער ריכטענדיג זיך אויף א גרויסע סומע פון ארויסגעבען מיינע ווערק, האט בעקומען אנ'אטאק און רייסענדיג די ווערטפולע מאנוסקריפטען, האט ער געשריגען: „נאך וועלכע שווארצע יאר הערגעקומען ? איהר וואלט איצט געווארען א בעריהמטער מענש, און אזוי ? כ'וועל צונעהמען אייערע שרייבערייען, נאר נעהר זיי 2 גראשען אדער מאקסימום 3 גראשען פאר א שורה וועט איהר נישט בעקומען !"

מיין חבר, דער דיכטער הענריק פאשקיזיל, האט גראד אנגעשריבען א הארצרייסענדען נעקראלאג, אין וועלכען ער האט געמאכט פון מיר אנ'ערשט קלאסיגען שרייבער, איז, דערזעהענדיג מיך — גרין געווארען פון כעס און מיך גענומען אויסזידלען. צומארגענס האט זיך אין „רויטען ליידאק" בעוויזען זיינס א פאשקוויל, וועלכער האט זיך אנגעהויבען מיט די ווערטער: הי אלף שין, דער גראפאמאן, פלאגיאטאר און גנב, וועלכער האט איצט ארויסגערופען א סענסאציע מיט זיין שווינדלערישען טויט, האט נאך אין דער יוגענד דערמארדעט זיין באבע מיט איין פעדער־שפריץ א.א.וו.

בלויז מיין פריינד גרונם האט זיך דערפרעהט, דערזעהענדיג מיך א לעבעדיגען:

גערעהרט — ... ווי גוט ! איך האב געמיינט, אז די 100 זלאטעס, וואס כ'האב דיר — געבארגט, זענען שוין אינגאנצען פערפאלען !!!!

## א פויסט

— וואס איז דאס אזוינס א פויסט ?
— א [illegible]
— א נישט צופרידענע האנד.
און וואס איז א טראגעדיע ?
— ווען א געזונדהייטס מיניסטער ליגט אויף דער גריפע.

# פייטעל און טרייטעל



**טרייטעל**: דו ווייסט פייטעל, די ענגלישע סטודענטען האבען בעסערע קעפ ווי די רומענישע סטודענטען.
**פייטעל**: דהיינו ?
**טרייטעל**: פון די ענגלישע לעקציעס אין די אוניווערזיטעטען קאנען זיי בעסער די קונץ ווי דער פראפעסאר קווא אליין.

## „זאטשני" אין קאמיסאריאט.

— וואס איז געווען ?
יחד: איך בין געגאנגען אין גאס, האט מיר אט דער א זעץ געטון אונטער די אויגען.
— אז דינטער די אויגען טא וואס ארט דאס אייך?...
קאפריזנער

## אבי אייער.

ארימאן: איהר האט געזאגט אז די לאקשען זענען פון אייער דערוויל האבען זיי קיין שום טעם נישט און זענען זויער.
בעל־הבתיטע: איהר האט מיך שלעכט פערשטאנען איך האב געמיינט אז זיי זענען פון אייער־נעכטען.
קאפריזנער.

## א יוד גיט זיך אנ־עצה

צווישען שכנטעס.
ערשטע: וואס האבען זי פעם אנגעקויפט אזוי פיל עופות ?
צווייטע: וואס הערען זי ? מ'שמועסט דאך אז ס'וועט זיין א פליישלאזער חודש.
קאפריזנער.

## אנ'אידיליע.

ווייב: ווייסט מאקס, היינט איז גראד דיין געבורטסטאג מיט אונזער האטשניצע שלופו צוזאמען
מאן: דערמאהן מיך נישט, ווארום דו פערשטערסט מיר דעם געבורטסטאג.

## דער חילוק

— וואס איז דער חילוק פון א וואכענבלאט ביז א טאג־צייטונג ?
— א וואכענבלאט מאכט מיט די זייטען איין מאל אין דער וואך, און א טאג־צייטונג — זיבען מאל.

## אנאנסען:

אלע נויטבעדערפטיגע, וואס ווילען האבען מצות אויף שבועות, דארפען זיך שוין מעלדען אין דער גמינע.
די פערוואלטונג.

* * *

א יונגערמאן וואס האט א פאסטען ביי די מצות זוכט א פאסענדען שידוך.
אפערטען אין „קונדס" אונטער „פרנסה־זוכער"

---

# דער קונדס

הומאר • סאטירע

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 69
פרייטאג, דעם 20 מערץ 1936

## אטא דאס „פעקעל"




טראגט ער אויף זיינע פלייצעס!...

